# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וילך תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 452



ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

# 'בין כסה לעשור עדיך לשובה'

א גייסט פון טהרה נעמט ארום יעדן איד אין די טעג 'בין כסה לעשור'. אין אנהויב פון די נייע יאר, ווען די אטמאספערע פון התחדשות איז אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, איז יעצט א באזונדערע געלעגנהייט פאר יעדן מענטש זיך צו באנייען אין עבודת השם און אויספירן זיינע רצונות און הייליגע גלוסטענישן, וואס זענען ביז יעצט פארבארגן געווען אין זיין הארץ.

אין א צייט, וואס אונזער גאנצער וועזן שרייט: "רצוננו לעשות רצונך!" - צווישן די מעמד פון 'ממליך זיין הקב"ה' וואס מיר האבן אדורכגעפירט אום ראש השנה, און אונזער שטיין פאר אים אין יום כפור ווי מלאכים, ריין פון יעדע זינד - האט מען אונז געגעבן די 'עשרת ימי תשובה', וואס אין זיי איז די האנט פונעם אויבערשטן אויסגעשטרעקט אננעמען אונזער תשובה מיט ליבשאפט, און זיין אויגן קוקן ארויס מיט רחמנות צו זען ווי מיר פארבעסערן זיך.

ס'איז נישטא קיין בעסערע צייט פון צו טון א חשבון הנפש אויף די קלות כחמורות און זיך קענען פארמעסטן מיט די שטארקע פראגע: זענען מיר טאקע פארזיכטיג צו מקיים זיין אלע מצוות מיט די הארץ און נשמה?

דער גאון פוסקי הדורות, רבינו הרמב"ם, האט געגעבן א באדייטנדע געוויכט דווקא אויף די מצוות וואס זעהן אויס ווי גרינג אין די אויגן פון מענטשן, ווען צווישן די פיר און צוואנציג זאכן וואס זענען מעכב די תשובה וואס ער רעכנט אויס אין פרק ד' פון הלכות תשובה, האט ער אויסגערעכנט: "פינף זאכן [וואס] דער וואס טוט זיי וועט מסתמא אויף זיי נישט תשובה טון, ווייל זיי זענען גרינג אין די אויגן פון רוב מענטשן, און עס קומט אויס אז ער זינדיגט און ער מיינט אז דאס איז נישט קיין זינד...".

דער נקודה איז אקטועל איבערהויפט ביי די באליבטע מצוה - די מצוה פון ענטפערן אמן - וואס יעדער וואס זוכט דעם אמת וואס האט נאכגעקוקט אין די ספרים פון אונזערע צדיקים, האט באלד איינגעזען אז עס האנדלט זיך אין א גרויסן אוצר, וואס טראץ זיין טייערקייט, איז עס גרייט פאר יעדן מענטש. מיט א גרינגע אנשטרענגונג וועט ער קענען צוזאמנעמען פיל 'אמן-דיאמאנטן', וואס דורך זייער ענטפערן וועלן זיך פארמערן זיינע זכיות בזה ובבא.

אויך די פאקט אז דער גאנצער מהות פון די מצוה פון 'אמן' איז ממליך זיין דעם בורא, ווי די חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "מאי 'אמן' - '**א-ל מלך נאמן**', פארבינדט עס ספעציעל צו די הייליגע טעג וואס מיר געפונען זיך אין זיי.

אויב אזוי, איז נישטא קיין בעסערע צייט ווי די יעצטיגע טעג צו פארשטעלן פאר די לייענער אפילו נאר אביסל פון דעם געוואלדיגן אוצר וואס געפינט זיך אין די ספרים אויף די מצוה פון ענטפערן אמן. אין די קומענדיגע שורות וועל איך ציטירן א טייל פון די ווערטער פון אונזערע חכמים ז"ל אין דעם ענין, און באטאנען די זאכן וואס האבן א באזונדערן קשר צו די בקשות וואס מיר זאגן אין די טעג - די בקשות פון 'אבינו מלכנו'. אונזער האפענונג, אז די ווערטער וועלן אויפטון און די הערצער וועלן זיך ערוועקן צו פארשטיין די געוואלדיגע מעלה און קדושה פון ענטפערן אמן.

### 'אבינו מלכנו הפר עצת אויבינו'

ענטפערן אמן איז גורם אז די שלעכטע ווילן פון אונזערע פיינט זאל צושטערט ווערן, און עס זאל זיך אומקערן אויף זיי. אזוי ווי די חכמים דרש'ענען (תנד"א רבה י) אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" - "אין וועמענ'ס זכות באצאלט השי"ת פאר די אידן פון די פעלקער? אין זכות פון די מענטשן וואס קומען פריה אין שוהל און גייען אהיים שפעט און ענטפערן אמן...".

### 'אבינו מלכנו קרע רוע גזר דיננו'

אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהושע בן לוי: 'כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו - קורעין לו גזר דינו'". אין זוהר הקדוש ווערט געגעבן די הבטחה אויף יעדע 'אמן', און נישט נאר אויף 'אמן יהא שמיה רבא', ווייל אזוי ווערט געברענגט (תיקו"ז מ א) "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה" ('שומר אמונים' מאמר פתחו שערים א). זעט מען, אויב מיר וועלן זיך פלייסיגן אין די מצוה פון ענטפערן אמן, וועט זיכער צוריסן ווערן אלע גזרות קשות ורעות.

### 'אבינו מלכנו כתבנו בספר חיים טובים'

די חכמים זאגן (ברכות מז א): "כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו". דער מאמר וואס זאגט צו אריכות ימים פאר דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן, ווערט אויך געברענגט אין תלמוד ירושלמי (ברכות ח ח) מיט איין ספעציעלע צוגעלייגטע ווארט: "העונה אמן מאריכין לו ימיו ושנותיו **בטובה**". זעט מען אז דורך ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה צו "חיים טובים".

### 'אבינו מלכנו כתבנו בספר גאולה וישועה'

די חכמים דרש'ענען (מדרש תהילים לא) דעם פסוק (תהילים לא כד): "אמונים נוצר ה'"; "דאס זענען די אידן וואס זאגן 'ברוך מחיה המתים', און מיט אמונה ענטפערן זיי אמן - ווייל זיי גלייבן מיט זייער גאנצער כח אין הקב"ה אז ער איז מחיה המתים, כאטש ביזדערווייל איז נאכנישט געווען תחיית המתים. זיי זאגן 'גואל ישראל' און זיי זענען נאכנישט אויסגעלייזט, זיי זאגן 'ברוך בונה ירושלים' און עס איז נישט אויפגעבויעט. זאגט הקב"ה: די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן נאר צייטווייליג און זענען צוריק אונטערגעטעניגט געווארן, און זיי גלייבן אין מיר אז איך וועל זיי אויסלייזן. ד.מ. "אמונים נוצר ה'" - זיי גלייבן און ענטפערן אמן, נוצר ה'". זעט מען, אין זכות פון ענטפערן אמן מיט אמונה וועלן מיר זוכה זיין צו א "גאולה וישועה".

### 'אבינו מלכינו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה'

וואונדערליכע ווערטער אויף די פאקט אז די גאנצע שפע אויף דער וועלט קומט אין זכות פון אמן, שרייבט דער של"ה הקדוש (מס' תמיד אות פ) וזה לשונו: "דער וואס האט אינזין צו יעדע ברכה וואס קומט ארויס פון דער מברך און ענטפערט אמן מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין, איז גורם אויבן זייער אסאך קדושה, און איז משפיע אסאך השפעות טובות אין אלע עולמות, ווייל ער עפנט דער מקור העליון מקור מים חיים, אזוי ווי ער עפענט די קוואל אנטרינקען אלעס וואס מען דארף אנטרינקען...".

### 'אבינו מלכנו פתח שערי שמים לתפילתנו'

דער זוהר הק' אין די יעצטיגע פרשה, פרשת וילך (רפח ב), אנטפלעקט אז ענטפערן אמן עפנט די שערי תפילה, און אזוי שטייט: "ווען די אידן געבן אכטונג ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, רופט אויס די קול אין אלע עולמות: "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמנים" (ישעיה כו ב) - אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'; 'פתחו שערים' - אזוי ווי די אידן האבן געעפנט די טויערן פון ברכות, אזוי וועט זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון תפילה, און זייער תפילה וועט אנגענומען ווערן".

אויב מיר אלע וועלן מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין עס זאל אויף אונז געזאגט ווערן דער פסוק "גוי צדיק שומר אמונים", און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין פאר'חתמ'עט ווערן בספרן של צדיקים גמורים אויף א שנה טובה ומתוקה. אמן.

מיט א רוף 'תהא שנת פתיחת גן עדן'

און א וואונטש "תחל שנה וברכותיה"

**יעקב דוב מארמארשטיין**

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

# ונפשו אותה ויעש – נורא וקדוש

די צייט - געציילטע טעג נאך יו"ט פסח שנת תקל"ח, דער פלאץ - די הייליגע וואוינונג פון דעם רבי'ן, הגאון הקדוש ר"ר שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע. דער רבי ליגט שוואך אין זיין בעט, ווען ער ווייסט גאנץ גוט אז דאס זענען זיינע לעצטע טעג אויף דער וועלט. ארום אים זענען געשטאנען ווי א רונד אסאך פון זיינע שטוב מענטשן און דערהויבענע תלמידים, און עס האט דארט געהערשט א געטליכע אטמאספער.

אין די צייט וואס 'נר אלקים טרם יכבה' זענען די אויערן פון די תלמידים געווען אפן אויף ברייט. די הייליגע מויל פון רבי'ן האט נישט אויפגעהערט פון צו מורמלען דברי תורה, ווען אינצווישן געבט ער איבער הליכות חיים און אורחות מוסר, מגלה טפח פון די 'נגלות', און מכסה טפחיים פון די 'נסתרות', און די תלמידים ווילן נישט פארלירן אפילו איין הייליגע ווארט פון זייער געשעצטן רבי'ן.

אינמיטן האט דער הייליגער רבי זיך געוואנדן צו זיינע תלמידים און זיי געזאגט:

"איך וויל ענק דערציילן א וואונדערליכע ערציילונג וואס האט פאסירט מיט מיר. די ערציילונג האט פאסירט פאר אסאך יארן, און פון דעמאלט האב איך שוין געהאט עטליכע געלעגנהייטן וואו איך האב עס געוואלט ענק דערציילן, אבער איך האב מורא געהאט אפשר וועלן ענק נישט גלייבן און האבן ספקות אין

**אין טאג בין איך איינגעלאדנט געווארן דורך א גביר פון איינע פון די שטעטלעך ארום איך זאל זיין 'סנדק' ביי די ברית פון זיין זון. אין דעם באשטימטן טאג האט דער אבי הבן געשיקט צו מיין הויז א וואגן איינגעשפאנט צו שטארקע פערד מיך צו פירן צו דער פלאץ וואו דער ברית דארף פארקומען.**



דעם, קומט אויס אז איך בין ענק מכשיל אנשטאט ענק זאלן האבן פון דעם א נוצן. יעצט ווען איך פיל אז מיין צייט דערנענטערט זיך וויל איך ענק דערציילן די געשעהעניש אזוי ווי ס'האט פאסירט, ענק זאלן זיך אפלערנען פון דעם אז ווען א מענטש איז זיך מוסר נפש און וויל שטארק מקיים זיין עפעס א מצוה, וועט מען אים פון הימל צוהעלפן ער זאל קענען אויספירן".

נאך די געפאדערטע הקדמה האט דער רבי ר' שמעלקא פארגעזעצט און דערציילט פאר זיינע תלמידים:

"זיכער ווייסן ענק פון די הנהגה וואס איך האב פון אייביג אן אכטונג געגעבן ביזן היינטיגן טאג, נישט זאגן א ברכה אויב נעבן מיר שטייט נישט איינער וואס וועט קענען ענטפערן אמן נאך מיין ברכה. און איך האב ענק נישט איינמאל געגעבן צו פארשטיין דעם טעם פון אט דער מנהג, ווייל פון יעדע ברכה ווערט באשאפן א מלאך, אבער זיין רוחניות'דיגע צורה איז נישט בשלימות נאר מיט א 'אמן' פון נאכדעם. דעריבער בין איך מקפיד אז מיינע ברכות זאלן געענטפערט ווערן מיט א אמן כדי דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון זיי זאל זיין בשלימות.

אין טאג בין איך איינגעלאדנט געווארן דורך א גביר פון איינע פון די שטעטלעך ארום איך זאל זיין 'סנדק' ביי די ברית פון זיין זון. אין דעם באשטימטן טאג האט דער אבי הבן געשיקט צו מיין הויז א וואגן איינגעשפאנט צו שטארקע פערד מיך צו פירן צו דער פלאץ וואו דער ברית דארף פארקומען. די וואגן איז טאקע געפירט געווארן דורך א אידישער בעל עגלה, אבער זיין שפראך און אויפפירונג האבן עדות געזאגט אז ער איז ליידער פראסט און פויעריש, ווייט פון תורה און חסידות.

אינמיטן וועג, ווען מיר האבן זיך אפגעשטעלט אויף א קורצע צייט, האב איך געדארפט זאגן 'אשר יצר'. מיטן אויבערשטנ'ס הילף איז דארט פונקט געווען א קוואל וואו איך האב זיך געוואשן די הענט בעפאר די ברכה. אבער ווען איך האב געוואלט זאגן די ברכה מיט די כוונה אז דער בעל עגלה זאל ענטפערן נאך מיר אמן, האב איך זייער שנעל פארשטאנען אז עס האנדלט זיך פון א פראסטער יונג, אזוי ווייט, אז לויט די הלכה קען מען אים נישט מצרף זיין אויף קיין שום דבר שבקדושה.

איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. אלע מיינע יארן, ביז יענע פאסירונג, האב איך מצליח געווען אכטונג געבן מיט די גאנצע שטארקייט אויף מיין הנהגה, איך האב געציטערט פון די מחשבה אז דאס מאל וועל איך מוזן מוותר זיין אויף דעם. פון מיין הארץ איז ווי פון זיך אליינ'ס ארויסגעקומען א תפילה איך זאל דאס מאל אויך זוכה זיין מקיים זיין מיין מנהג, עס זאל חלילה נישט באשאפן ווערן א פארקריפלטער מלאך צוליב מיין ברכה, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף איז מיין תפלה אנגענומען געווארן.

מיט א מאל האב איך געהערט א גרודער פון צווישן דיביימער ארום מיר, כ'האב אויסגעדרייט מיין קאפ צו די גרודער, און כ'בין געווען איבערראשט צו זען, ווי אזוי פון דעם געדיכטן וואלד זענען ארויסגעקומען צוויי מענטשן מיט א מאדנע און שרעקליכע אויסזען. די מענטשן האבן זיך דערנענטערט צו מיין ריכטונג און זיך אוועקגעשטעלט נעבן מיר אן צו רעדן א ווארט. האב איך געזאגט די ברכה מיט גרויס ציטער, און די מענטשן האבן געענטפערט נאך מיר 'אמן' מיט א זעלטנע זיסקייט און ברען. בעפאר איך האב אנגעיאגט זיך באדאנקען פאר זיי, זענען די צוויי פארשוואונדן געווארן פון מיינע אויגן.

אין לויף פון לאנגע מינוטן בין איך דארט געשטאנען דערשראקן. איך האב פארשטאנען אז מיכאל און גבריאל - צוויי הייליגע מלאכים - זענען געשיקט געווארן פון הימל צו ענטפערן אמן נאך מיין ברכה, דערנאך וואס פון הימל האט מען געוואלט איך זאל זיך פלייסיגן אין דעם הייליגן מנהג וואס איך בין געווען אין דעם געוואוינט. עס איז איבריג צו פארצייכענען אז דער פראסטער בעל עגלה האט גארנישט געזען, און באלד נאכדעם זענען מיר ארויף אויפן וואגן און געפארן לחיים ולשלום.

דעמאלט איך מיר ארויף געקומען אויף די געדאנק צו טייטשן דעם פסוק אין איוב (כג יג): 'והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש', א פסוק וואס ווערט דערמאנט אין די תפילות פון ראש השנה צוגלייגט צוויי ווערטער: 'נורא וקדוש', און אזוי האב איך געטייטש דעם פסוק בדרך צחות:

ווי באקאנט, ענטפערן אמן פארענדיגט וואס דער מברך האב געזאגט. אלע ווילן משלים זיין זייער ברכה מיט ענטפערן אמן, וואס זאל טון דער מענטש וואס מוז זאגן א ברכה ווען ער איז אליינ'ס, אין זיין הויז אדער אויפן וועג, און האט נישט ווער עס זאל משלים זיין זיין ברכה דורך ענטפערן אמן? אויף דעם ענטפערט דער פסוק: 'והוא באחד' - ווען איינער איז געצווינגען צו זאגן די ברכה ביחידות, 'ומי ישיבנו' - און האט נישט ווער עס זאל ענטפערן אמן, איז אויב "ונפשו אותה" אויב ער גלוסט אז זיין ברכה זאל פארענדיגט ווערן מיט א אמן, דעמאלט: 'ויעש - נורא וקדוש' - האט ער די מעגליכקייט צו מאכן וואונדערליכע זאכן אז מען זאל אים שיקן א מלאך מן השמים, וואס וועט ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.

אינמיטן פארן האב איך איינגעדרימלט, און פון הימל איז מיר אנטפלעקט געווארן אין חלום אז איך האב ריכטיג צוגעטראפן מיט מיין טייטש, און זיי זענען טאקע געווען געטליכע מלאכים וואס זענען צו מיר געשיקט געווארן מן השמים ענטפערן אמן נאך מיין ברכה".

'אהל יצחק' [לרמ"מ וואלדן] עמ' לו

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## נאכלאזן – דער ווארצל פון דורכפאלן

"חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ" (לא ו)

די ווערטער "לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ" ערקלערט רש"י: "לא יתן לך רפיון להיות נעזב ממנו".

א וואונדערליכער ערקלערונג אין די ווערטער פון רש"י זאגט דער **'מנחת אלעזר'** פון מונקאטש:

ווען א מענטש ווערט קראנק און ער ווארפט זיך ארויף אויפן דאקטער, אויב דער דאקטער איז פאר"אויש'ט פון זיין צושטאנד, קען דאס צוברענגען אז אזוי זאל טאקע זיין, ווייל דעם דאקטער'ס טרויעריג'ע דיאגנאז ברענגט צו ער זאל זיך פארלירן און זיינע כוחות זאל אפגעשוואכט ווערן ביז צום אומבאהאלפענעם ענדע. אבער דער, וואס הערט נישט צו צום דאקטער, און אנשטאט דעם שטארקט ער זיך אין אמונה אז ה' האט די מעגליכקייט אים צו היילן אין יעדן מצב, וועלן זיינע שאנסן פון ערהוילונג פארגרעסערט ווערן.

דאס איז די כוונה פון רש"י אין זיינע ווערטער: ווען עס ווערט קומען אויף דיר א צרה "לא יתן לך רפיון", וואס ווערט דיר צוברענגען "להיות נעזב ממנו", נאר: "חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ...", און אזוי וועלן ענק זיך קענען ראטעווען פון די צרה.

'אמרי דבש' [לרד"ב שווארץ] עמ' קמט

## מחילת עוונות אין זכות פון די טף

"הַקְהֵל אֶת הָעָם הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ לְמַעַן יִשְׁמְעוּ וּלְמַעַן יִלְמְדוּ וְיָרְאוּ אֶת ה' אֱלֹהֵיכֶם וְשָׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת" (לא יב)

די גמרא וואונדערט זיך (חגיגה ג א): "אנשים באים ללמוד, נשים באות לשמוע", אבער "טף למה באין"? ענטפערט די גמרא: "ליתן שכר למביאיהן".

אויב דער באשעפער וויל אונז געבן שכר, פארוואס דוקא אויף די טף?

ערקלערט **רבי שלמה אפרים מלונטשיץ** פראגער רב:

די מצוה פון הקהל איז געגעבן געווארן צו מעורר זיין דאס פאלק צו טון תשובה, און דעריבער האט דער קעניג געליינט פאר זיי חומש דברים, וואס רוב פון דעם איז ווערטער פון תוכחה. ווען די אידן טון תשובה און בעטן זיך אז זייערע חטאים זאל נמחל ווערן, לייגן זיי צו א געבעט אז אפילו אויב זיי זענען נישט ראוי צו מחילה, זאל זיי בייטשטיין די זכות פון זייערע קינדער וואס האבן נישט געזינדיגט, און ווי מיר זאגן אין די בקשה 'אבינו מלכינו': "חמול עלינו ועל עוללנו וטפינו". דערפאר האט די תורה באפוילן צו ברענגען אפילו די קליינע קינדער צו דעם מעמד פון 'הקהל', כדי זיי זאלן קענען בעטן: "טו צוליב די קליינע קינדער וואס קומען אין בית ה'". קומט אויס אז דאס עצם ברענגען איז דער שכר וואס ווערט געגעבן פאר די וואס ברענגען זיי, אז זייער תשובה וועט אנגענומען ווערן אין זייער זכות.

'כלי יקר'

## 'מאה ברכות' באשיצן פון קללות

"וְהָיָה כִּי תִמְצֶאןָ אֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ" (לא כא)

אין מסכת חגיגה (ה א) ווערט געברענגט: ווען רבי יוחנן האט געהאלטן ביי דער פסוק האט ער געוויינט און געזאגט: "א קנעכט וואס זיין האר ברענגט אים צו רעות וצרות, האט דען דער קנעכט א תקנה?" לכאורה אין פרשת כי תבא זענען געשריבן געווארן מער שווערערע קללות, איז פארוואס האט ער נישט געוויינט ביז ער איז אנגעקומען צו דער פסוק?

טייטש **רבי יעקב יהושע פראמאן** פון לאדזש:

אין אנהויב דער ענין (לא טז) שטייט: "וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה...", זאגט 'בעל הטורים': "אויף די קו"ף זענען דא 'תגין' - אז זיי וועלן זיך פאר'מיאוס'ן אין די ק' ברכות". פון זיינע ווערטער זעט אויס אז ביז יעצט האט באשיצט די זכות פון די מאה ברכות, אזוי ווי דער רוקח שרייבט (סי' שכ) אז די מצוה פון 'מאה ברכות' איז געווידמעט צו ראטעווען די אידן פון די מאה קללות; אכט און ניינציג וואס שטייט אין פרשת 'כי תבא', און נאך צוויי וואס זענען מרומז אין דער פסוק (דברים כח סא): "גם כל חלי וכל מכה". אבער יעצט, דערנאך וואס זיי האבן זיך פאר'מיאוס'ט אין די מאה ברכות האט רבי יוחנן געוויינט אויף דעם וואס מער וועלן זיי נישט האבן א זכות וואס זאל אויף זיי באשיצן.

'נחלת יעקב יהושע'

## פארוואס זאגן מיר נישט א ברכה אויף די מצוה פון שרייבן א ספר תורה?

"וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם לְמַעַן תִּהְיֶה לִּי הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְעֵד בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל" (לא יט)

אין דער פסוק זענען מיר באפוילן געווארן אויף די לעצטע מצוה פון די תרי"ג מצוות - די מצוה פון כתיבת ספר תורה (ראה ספר החינוך תרי"ג). פארוואס האבן די חכמים נישט מתקן געווען א ברכה אויפן מקיים זיין די מצוה, אזוי ווי זיי האבן מתקן געווען אויף אנדערע מצוות?

עטליכע ערקלערונגען זענען געזאגט געווארן אויף דעם:

א. דער **'מרדכי'** זאגט אז די מצוה איז נישט גלייך צו די מצוות וואס מען האט מתקן געווען צו זאגן אויף זיי א ברכה, ווייל מען קען עס מקיים זיין דורך א שליח, דורך דינגען א סופר סת"ם וואס זאל שרייבן פאר אים א ספר תורה, דעריבער האט מען נישט מתקן געווען אויף דעם א ברכה אויפן עס מקיים זיין.

ב. **מהר"י בירב** ערקלערט עס לויט די כלל וואס מיר טרעפן אין גמרא (מנחות מב ב) אז מען זאגט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס ווערט געטון ווי א הקדמה און הכנה אויף א אנדערע מצוה (ראה רמב"ם ברכות יא ח). ווייל די מצוה ענדיגט זיך נישט מיטן שרייבן, נאר מיטן ליינען אין דעם, אזוי ווי עס שטייט קלאר אין די ציווי וואס דער קעניג איז באפוילן געווארן צו שרייבן א ספר תורה (דברים יז יח): "וְהָיְתָה עִמּוֹ וְקָרָא בוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו", דעריבער זאגט מען נישט א ברכה אויף דעם.

ג. דער **'חתם סופר'** ערקלערט: היינט צו טאג, איז זיכער אז מיר קענען נישט מאכן א ברכה, ווייל די חכמים זאגן (קדושין ל א) אז מיר ווייסן נישט וועלכע ווערטער אין די תורה דארפן געשריבן ווערן 'מלא' און וועלכע 'חסר'. און ווייל א ספר תורה וואס עס פעלט אין דעם אפילו איין אות ווערט נישט גערעכנט פאר א ספר תורה (מנחות לא א), קען זיין אז מיר האבן נישט מקיים געווען די מצוה ווי עס דארף צו זיין.

ד. נאך א טעם ברענגט דער **'חתם סופר'** אין נאמען פון 'רב אחד', די סיבה פארוואס מען זאגט נישט א ברכה אויף די מצוה איז צוליב די חשש טאמער עס וועט נישט פארענדיגט ווערן. שרייבן א ספר תורה ציט זיך אויף א לאנגע צייט, און אויב זיי וועלן זאגן א ברכה אין אנהויב, עס איז מעגליך אז צוליב א סיבה וועלן זיי נישט זוכה זיין עס פארענדיגן, און די ברכה פון דער סופר איז געזאגט געווארן לבטלה.

ה. אין ספר **'מקור הברכה'** ערקלערט ער לויט די 'אור זרוע' (ח"א סי' קמ) וואס זאגט דער טעם פארוואס מען זאגט נישט א 'ברכת המצוה' אויף טרינקען די ד' כוסות ביים ליל הסדר, ווייל מען זאגט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס ווערט נישט פארענדיגט אין איינמאל. אויך די מצוה פון שרייבן א ספר תורה ציט זיך אויף א לאנגע צייט, דעריבער זאגט מען נישט א ברכה אויף דעם.

'מרדכי' מנחות סי' תתקמט (ע"פ 'חידושי אנשי שם'); שו"ת מהר"י בירב סי' סב; שו"ת 'חתם סופר' או"ח נב; 'שדי חמד' ח"ד מע' ברכות א טז; 'מקור הברכה' עמ' יח; 'תורתך שעשועי' וילך

# אוצרות אמונים

### אמן אין לויף פון די יארגאנג – יום הכיפורים

## אמן בקול רם

**רבי שלמה אבן וירגא** פון די פארטריבענע פון שפאניע, ברענגט אין זיין ספר **'שבט יהודה'** א אלטע שילדערונג פון 'וירשוריש איש רומי', איבער דעם כהן גדול'ס גיין פון זיין הויז צום בית המקדש אין בעפארברייטונג צו די עבודה פון יום כיפור. צווישן די זאכן שילדערט ער דארט: "און ווען זיי זענען אנגעקומען צו די פתח הר הבית, האט מען דארט געדאווענט אויף די עקזיסטענץ פון מלכי בית דוד, נאכדעם אויף די כהנים און אויף די בית המקדש, און די גרודער פון ענטפערן 'אמן' איז געווען אזוי שטארק אז די עופות וואס זענען געפלויגן זענען אראפגעפאלן אויף די ערד..." ('שבט יהודה' (מהד' לוין-אפשטיין) עמ' קנ).

## פיר מאל אמן

אין 'תשובות והנהגות' (ח"ד או"ח סי' קנג) שטייט אז אין יום כפור ווען עס פעלן אסאך ברכות כדי צו דערגרייכן די ציפער פון 'מאה ברכות', קען דער מענטש יוצא זיין די חוב פון מאה ברכות, דורך דעם וואס ער וועט הערן פון זיין חבר 'ברכות השחר' און ענטפערן נאך זיי אמן, און בתנאי אז זיין חבר זאל אינזין האבן מוציא זיין [כאטש ער האט אליין געזאגט די ברכות] און ער זאל אינזין האבן יוצא זיין. און לייגט צו: "און איך האב געזען אין נאמען פון האדמו"ר הקדוש רבי אהרן רוקח מבעלזא וואס האט יום כפור צוגעהערט פיר מאל ברכות השחר און געענטפערט אמן, און איך האב געהערט אז ער האט שטארק מחמיר געווען אין דעם".

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

אין די גליון פון פרשת ואתחנן האבן ענק געברענגט אז דער גאון רבי יוסף שטיינהארט פון פיורדא בעל 'זכרון יוסף', אין זיין דרשה אויף שבת תשובה, האט געברענגט א ראי' פון דעם וואס די חכמים רופן אן (ברכות נג ב) ענטפערן אמן ווי 'גיבורים הנוצחין', אז כאטש אויך פון זאגן א ברכה ווערן באשאפן א גוטע מלאך, קען ער נישט זיך פארמעסטן מיט די מקטרגים. נאר דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון ענטפערן אמן ער איז "תקיף וגבור שבכוחו לנצח המקטרגים".

איך האב געטראכט אז אין די ווארט 'אמן' אליין קען מען טרעפן אויף דעם א רמז, ווייל אמן איז ר"ת: 'נברא **מלאך אמיץ**'. עס קען אויך זיין, אז צוליב דעם כאטש פון יעדע מצוה ווערט באשאפן א מלאך, דוקא די מצוה 'אמן' איז בגימטריה 'מלאך', דיך צו לערנען אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון ענטפערן אמן איז א באזונדערע מלאך וואס העלפט דעם מענטש אקעגן די מקטרגים. אויך דער פסוק, וואס מיר זאגן ביי מוסף פון יום הכפורים: "אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם יושרו" (איוב לג כג), איז מרמז אויף דער מלאך פון אמן. די ווארט "מליץ" ענדיגט זיך מיטן אות צ', און די ווארט "אחד" הייבט זיך אן מיט א אות א', צוזאמען זענען די אותיות 'צ"א' - די גימטריה פון 'אמן'.

ישר כח אויף דעם גרויסן אונטערנעמונג און די באזונדערע אקטיוויטעטן.

**אפרים לאנגנער - ירושלים**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער אריינגאנג צום אידישן בית-עולם אין וועראנא

## 'צרור המור'
### ט' תשרי רס"ט

רבי אברהם בן רבי יעקב סבע וואס איז געבוירן און אויפגעטון אין קאסטילע אין שפאניע, איז געווען איינער פון די גדולי הדור אין דער תקופה פאר די גירוש פון שפאניע. ביי די גירוש פון שפאניע איז ער אריבער קיין פארטוגאל, אבער אויך דארט האט ער נישט געהאט קיין מנוחה, מען האט אים ארעסטירט און געפייניגט צוליב די 'זינד' פון אנהאלטן די תורה מיט א שטארקייט, און ענדליך איז אים געלונגען אנטלויפן צו די שטאט פאס אין מאראקא.

אין זיין הקדמה צו זיין ספר 'אשכול הכופר' באוויינט ער זיינע חיבורים און קינדער וואס ער האט פארלוירן: "עס זענען געקומען צו מיר אידן און האבן מיר געזאגט, אז ביי וועם עס טרעפט זיך א ספר, אחת דתו להמית. בין איך באלד געגאנגען און איך האב זיי באגראבן אונטער א זית-בוים, און איך האב עס א נאמען געגעבן 'אלון בכות', ווייל דארט האב איך באגראבן אלע מיינע באליבטע - דער פירוש אויף די תורה און מצוות, הנחמדים מזהב ומפז רב, וואס אין זיי האב איך געטראפן א טרייסט אויף מיינע צוויי זון, וואס מען האט זיי געצווינגען אויפטוישן זייער רעליגיע".

זיצנדיג אין פאס האט ער איבערגעשריבן זיין פירוש אויף דער תורה וואס ער האט מחבר געווען על דרך הדרוש והקבלה - 'צרור המור', ווי אויך זיין חיבור 'אשכול הכופר' אויף מגילת רות און אסתר. כאטש ער האט זיי אפגעשריבן פון ניי, שרייבט ער (שם): "איך ווייס, אז דער 'עיקר חסר מן הספר' פון וואס עס איז געווען פריער געשריבן". זיין אייניקל די טאכטער פון זיין זון רבי יצחק, האט חתונה געהאט צו מרן ה'בית יוסף' זצ"ל.

די פטירה זיינע ווערט געשילדערט דורכ'ן חיד"א ('שם הגדולים', מערכה א, אות פא): בשעת ער איז געפארן אויף א שיף, איז פלוצים פארגעקומען א שרעקליכן שטורעם, וואס האט געוואלט איינזינקען די שיף און אלע אירע פאסאזשירן. דער קאפיטאן וואס האט איינערקענט זיין גרויסקייט האט געבעטן ער זאל דאווענען אז דער ים זאל זיך בארוהיגן פון זיין גרימצארן, דער גאון האט צוגעזאגט אז ער וועט דאווענען אבער ער האט זיך אויסגענומען א תנאי אז אויב ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט ווען ער איז נאך אויף דער שיף, זאל מען אים נישט אריינווארפן אין ים, נאר ער זאל געברענגט געווארן לקבורה אין איינע פון די אידישע קהילות. דער קאפיטאן האט צוגעזאגט, און רבי אברהם האט מתפלל געווען און דער שטורעם האט נאכגעלאזט אויף א וואונדערליכן אופן.

צוויי טעג שפעטער, אינמיטן די רייזע, האט דער צרור המור צוריק געגעבן זיין נשמה צו באשעפער [ערב יום כיפור, ט' תשרי רס"ט]. דער קאפיטאן האט איינגעהאלטן זיין צוזאג און האט געפירט די שיף צו די נאנטסטע שטאט – די שטאט ווערנא אין איטאליע, די מיטגלידער פון דער ווערנא קהילה האבן מיט גרויס רעספעקט אים געברענגט לקבורה אין די בית-עולם אין זייער שטאט.

## די מעלה פון די מצוה פון 'מאה ברכות'

אין תורה שטייט (דברים י יב-יג): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ... לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' וְאֶת חֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְטוֹב לָךְ". וואונדערט זיך דער צרור המור: פון דער לשון "כִּי אִם" זעט אויס אז הקב"ה בעט פון דער מענטש א מצוה וואס איז גרינג צו מקיים זיין וואס פאדערט זיך נישט קיין פלאג און הארעוואניע, אבער באלד נאכדעם רעכנט אויס די תורה אזעלעכע מצוות וואס זענען כולל אין זיך כל התורה כולה.

ערקלערט ער אזוי: די חכמים (מנחות מג ב) דרש'ענען פון דעם פאלגנדן פסוק א סמך אויף די חוב צו זאגן יעדן טאג מאה ברכות, און זיי דרש'ענען: "אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה'". די מצוה פון "מאה ברכות" איז א מצוה וואס געווענליך איז עס גרינג צו מקיים זיין, ווייל דער וואס דאווענט דריי תפילות א טאג און זאגט ברכות הנהנין ווי די הלכה איז, וועט גרינגערהייט דערגרייכן צו די ציפער. די מצוות וואס ווערן שפעטער אויסגערעכנט זענען נישט געשריבן געווארן אין א וועג פון א ציווי, נאר די תורה האט עס געשריבן כדי אונז צו לערנען אז די מעלה פון די מצוה פון 'מאה ברכות' איז אזוי גרויס, אז יעדער וואס איז מקפיד זיי זאגן יעדן טאג רעכנט הקב"ה כאילו ער דינט השי"ת ביראה ובאהבה און איז מקיים אלע מצוות פון די תורה און די חוקים ('צרור המור' שם).

## די מעלה פון ענטפערן אמן

אויפן פסוק (במדבר ה לא) "וְנִקָּה הָאִישׁ מֵעָוֹן וְהָאִשָּׁה הַהִוא תִּשָּׂא אֶת עֲוֹנָהּ", פרעגט דער צרור המור: דער פסוק רעדט דאך פון א פרוי וואס איז נישט טמא געווארן (ראה במדב"ר ט כז) איז וועלעכע זינד ליגט אויף איר?

ענטפערט ער: די זינד פון די פרוי איז אז זי האט געענטפערט 'אמן' מיט א אויפגעדעקטן קאפ, אזוי ווי עס שטייט פריער (פס' כב) אז די פרוי זאגט "אָמֵן אָמֵן", דערנאך וואס מען האט אויפגעדעקט איר קאפ, אזוי ווי עס שטייט (פס' יח): "וּפָרַע אֶת רֹאשׁ הָאִשָּׁה".

די טעם פארוואס די תורה האט אזוי שטארק מחמיר געווען אין דער איסור, ווייל 'אמן' איז גימטריה די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י, און די הלכה איז (ראה שו"ע אורח חיים צא ג) אז מען מעג נישט דערמאנען דעם שם שמים מיט א אויפגעדעקטן קאפ, און אויב אזוי מעג מען אויך נישט ענטפערן אמן מיט א אויפגעדעקטן קאפ ('צרור המור' שם).